# א מעשה'לע

גליון י"ז

פרשת מטו"מ תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּזְיוֹנוֹת

וֶוער שְׁרֵייט דָארְט...? וָואס גֵייט דָארְט פָּאר...? לָאמִיר גֵיין נֶענְטֶער וֶועלְן מִיר קֶענֶען בֶּעסֶער זֶען.

דָא וואוֹינְט דֶער צַדִיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, מֶען רוּפְט אִים רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע פְּרִימִישְׁלַאנֶער, עֶס אִיז הַיינְט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ אַ גְרוֹיסֶע יוֹם טוֹב, זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים, יֶעצְט הַאלְט מֶען אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה.

אִינְדְרוֹיסְן שְׁטֵייט דֶער שְׁנַיידֶער פוּן שְׁטָאט אוּן שְׁרֵייט מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער אוֹיף דֶעם צַדִיק, עֶר הַאקְט אוֹיפְ'ן טִיר, עֶר וִויל אַרַיינְגֵיין, עֶר קְלַאפְּט אִין דִי פֶּענְסְטֶערְס.

דֶער שְׁנַיידֶער אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן; עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט צַדִיקִים, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ קוּמֶען בַּיים צַדִיקְ'ס הוֹיז אוּן לַאכְן אוּן שְׁרֵייעֶן מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער,



הֶע הֶע הֶע, כַא כַא כַא

יֶעצְט וֶוען רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע נֵייעֶס, אַז זַיין רֶבִּי דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק קוּמְט צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ - הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם שְׁנַיידֶער עֶר זָאל אִים אַ טוֹבָה טוּן אוּן אִים נִישְׁט פַאְרְשֶׁעמֶען אִין דִי צַייט וָואס זַיין רֶבִּי אִיז בַּיי אִים, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר נִישְׁט צוּלִיבּ טוּן - וֶועל אִיךְ מוּזְן פַארְשְׁפַּארְן דִי טִיר, דִיר נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן".

דֶער שְׁנַיידֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִים, עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִינְדְרוֹיסְן אוּן גֶעזוּכְט וִוי עֶר קֶען לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּנֶעם צַדִיק, בִּיז עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אֵיין קְלֵיין פֶענְסְטֶער וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָפְן, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשֶׁעמְט דֶעם צַדִיק, דֶער צַדִיק הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶפֶּעס גֵייט דָא פָאר, פְרֶעגְט עֶר רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע: "וָואס גֵייט דָא פָאר? וָואס זֶענֶען דִי גֶעשְׁרֵייעֶן?" הָאט אִים רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ דָא אֵיינֶער וָואס הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיף צוּ פַארְשֶׁעמֶען, גֶעוֶוענְלִיךְ בִּין אִיךְ דָאס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, אָבֶּער הַיינְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען וֶוען מַיין רֶבִּי אִיז דָא".

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַזַא אֵיינֶעם, וָואס זָאל מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג"; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶעם וָואס לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת, אוֹיבּ מֶען אִיז מְקַבֵּל דִי בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה - קוּמְט מֶען אָפּ מִיט דֶעם אַלֶע עֲבֵירוֹת, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט דִיר פַארְשֶׁעמֶען - זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט צוּרִיק טוּן, נָאר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דִיר מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

צו הערן די מעשה פארציילט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א - 212.444.9191 1-5-2-1

# ספר המידות

מַלְבּוּשִׁים - חלק א'

## יב. מִי שֶׁעוֹשֶׂה מַלְבּוּשׁ לְעָנִי, עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹל מִבִּזְיוֹנוֹת.

## יב. וֶוער עֶס מַאכְט אַ קְלֵייד פַּאר אַן אָרֶעמַאן, וֶועט נִישְׁט וֶוערֶן פַארְשֶׁעמְט.




קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910



צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691